Historical Jewish Press (JPress) of the NLI & TAU
דיא אידישע וועלט, 15.09.1903, page 4

# כתר תורה

## דיא אינסטאלליישאן פון שיקאגא'ער רב הכולל הגאון ר' יעקב דוד סלוצקער המכונה רידב"ז.

פון אונזער ספעציעלען קארעספאנדענט
ז. ב. קאמייקא.

מאנטאג, סעפטעמבער דעם 7טען, האט שטאטגעפינדען דיא אינסטאלליישאן פון שיקאגאער רב הכולל, הגאון יעקב דוד סלוצקער.

דיא „יצחק אלחנן תלמוד תורה“ פון וואלער סט. איז געווען איבערפיעללט מיט טויזענדער מענשען. דא זיינען געווען אלע רבנים פון אנדערע שטעדט, און פון שיקאגא, וועלכע האבען ארומגערינגעלט וויא א סנהדרין דעם ווירדיגען רב הכולל. דיא סטריטען פון ארום און ארום, זיינען געווען שווארין, פון א גרויסער נייגעריגער מאססע, וועלכע האבען מיט שטראהלענדע געזיכטער, ערווארטעט דיא פראצעסיאן, וועלכע האט בעדארפט קוממען ביז דער „אנשי כנסת ישראל שוהל“.

פון וואללער סטריט ביז יוניאן סטריט, וואו דיא אנשי כנסת ישראל איז, האט זיך געצויגען דיא פראצעססיאן פון קערעדזשעס, און איבעראלל, האבען טויזענדער אידישע זיהן אידישע טעכטער און קינדער מיט אידישע הערצער, בעגריססט דעם גדול מיט זיינע בעגלייטער.

בעטראכטענדיג דיא מענגע אידען, וועלכע האבען ארומגערינגעלט, בעסער געזאגט, בעלאגערט דיא אנשי כנסת — רוססישע שוהל, האט מען ערשט געקאנט האבען א בעגריף, וויא גרויס דיא אידישע בעפעלקערונג פון שיקאגא איז (כן ירבו).

אויפ'ן בימה ביים ארון קודש, וואו עס געפינען זיך דיא ספרי תורה, זיינען ערשיענען דער רב הכולל מיט דיא רבנים.

דיא ענטהוזיאסטישע אויסרופען, די ציפריערענע „כה אל כה“ קלאפענישען, צומישען זיך אין איין שטורעמדיגען ים. הרב ברוידא פון שיקאגא שטעללט זיך אויף, און מיט זיין אויפהייבען דאס רעכטע האנד ווערט דער עולם שטילל.

הרב ברוידא ערעפענט דעם מיטינג, און שטעללט פאר הרב זיוויטץ פון פיטסבורג, אלס טשערמאן פיר דיעזען אבענד.

הרב זיוויטץ רעדט מיט הארץ און ברילליאנטענע ווערטער. ער ערקלערט דיא גרויסע בעדייטונג פון היינטיגער פערזאמלונג. ער דערצעהלט דיא גרויסקייט פון רב הכולל, און וויא ער פערדיענט רעספעקטירט צו ווערן פון שיקאגאער אידען.

דער נעקסטער רעדנער איז הרב שלום אלחנן יפה פון נויארק.

רעוו. סאלאווייציק דער חזן פון דיעזער שוהל מיט א גרויסארטיגען קאהר, זינגט „קול רנה“ און דער עולם אפלאדירט זעהר שטארק.

ע. וואלפע, דער סעקרעטער פון אגדת הקהלות, לעזט פאר דעם „אנערקענונגסבריעף“ פון די אסיפת הרבנים, אין פילאדעלפיא, דאס דער רב הכולל, איז בעעהרט פון זיי מיט דעם נאמען „זקן הרבנים“ און דאס ווערט מיט גרויס צופרידענהייט, פון עולם עמפפאנגען.

הרב עפסטיין פון שיקאגא, טראגט פאר א געלונגענע רעדע און נאכהער רעדט הרב אבראמאוויץ פון נויארק.

הרב אבראמאוויץ, דערצעהלט דיא שווערע ארבייט און ליידען וועלכע דער גאון ר' יעקב דוד איז אויסגעשטאנען און געליטען, ביז ער האט דורך לאנגע שווערע יאהרען פערפערטיגט זיין ריעזען ווערק דעם פירוש אויף תלמוד ירושלמי.

עס רעדען נאכהער דער ישיש דער עלטסטער פון שיקאגא'ער רבנים הרב ר' אליעזר אניקסטער, און ראבבינער מאזעס פישער פון דער אונגארישער געמיינדע. רב פישער איז נאך א יונגער מאן אבער א זקן אין תורה, און זיין רעדנער קראפט איז וואונדערבאר.

עס קומט דער ריכטיגער ערווארטעטע

מאמענט. מען גיט איבער צום גאון דעם כתב רבנות פון דער וועלט שטאָדט שיקאגא.

יעקב דאלניצקי, דער בעוואוסטער פעדאגאג און פרינציפאל פון דער משה מאנטעפיארע ת"ת, וועלכער האט דעם כתב פערפאסט לייענט עס אויך פאר פיר דער פערזאמלונג. דער כתב רעדט ניט פון פאעזיען פון סענטעמענטאלע אויסדריקע; נור פון אידישע פפליכטען פון אידישע שולדען צו א בן תורה, פון ערהפילען פערשפרעכונגען...

מר. דזשייקאב קהן, דער פרעזידענט פון מארימפאלער שוהל, נעהמט איבער דעם כתב. און אין דער בעגלייטונג פון דיא פרעזידענטען, איבער אלע שיקאגאער שוהלען און סאסייעטים, איבערדריכט ער עס, מיט רעספעקט און איבערגעבענהייט, צום גאון און זאגט פאלגענדעס:

„געעהרטער גאון און גדול בתורה:

אין נאמען פון שיקאגאער אידען, וועלכע האבען אונז פרעזידענטען פון אלע קהילות, בעפאלמעכטיגט, גיעבען מיר אייך איבער דעם כתב רבנות וועלכע לויטעט. דאס איהר זייט ביי אונז אויפגענומען אלס רב הכולל. גיעב גאט איהר זאלט מאריך ימים זיין, און דורך אייער תורה, זאל דיא אידישקייט פערשטארקט ווערען. מיר האפען צום אידישען גאט, אז דיא גאולה זאל קומען און מיר זאלען אלע צוזאמען געהן אין ציון וירושלים, וואו מיר וועלען קענען אונזער תורה האלטען אונגעשטערט. דארט וועט איהר אויך זיין איינער פון אונזערע גדולים, מיר וועלען מיט אייך שטאלצירען, פונקט וויא יעצט."

דיא אפלאדיסמענטען און אויסרופען „דער גאון זאל לעבען! דער גדול זאל מאריך ימים זיין!" דויערט א היבשע צייט. הרב זיוויטץ, האט שוועריגקייטען ביז ער בערוהיגט דעם עולם.

דער גאון, מיט טרערען אין א יובלענדע שטימע, דריקט אויס זיין דאנקבארקייט צו די רבנים, וועלכע נעהמען אנטהייל אין זיין שמחה. ער גיט זיין ברכה צום פובליקום. ער דערצעהלט, ווי אזא רעדער צופאל האט איהם געבראכט אין אמעריקא, און דער צייט ווען ער האט זיך פערפערטיגט פאהרען נאך ארץ ישראל ער פערשפרעכט אנציאויענדען אלע זיינע קרעפטען, צו שאפען די נעטהיגע גייסטיגע שפייז, פיר'ן יודענטהום. אנטהייל צו נעהמען אין נאציאנאלע פראגען. דער עולם שלינגט זיין יעדעס ווארט. מאנכע לאזען א פאר טרעהרען. ער ענדיגט זיין רעדע. און ווידער אפפלאדיסמענטען און „לעבען זאל דער רב הכולל" אויסרופען.

חזן סאלאווייציק מיט'ן קאהר זינגען ווידער און דער פארזיצענדער, שטעלט פאר הרב יהודא מיכל זעלעזניק, פון קאוונער שוהל.

הרב זעלעזניק בעריהרט דעם וויכטיגסטען און נעטהיגען פונקט. ער מאכט אויפמערקזאם אין א פייערדיגע שפראכע. אז דער פאראד פון דעם אבענד, איז ניט אלעס. דיא הויפט זאך. מען זאל אין דער צוקונפט פיהלען, דיא זעלבע נויטהווענדיגקייט, פון א רב הכולל און זיין הייליגקייט זאל חלילה ניט פערשוואכט ווערען. דער עולם פיהלט דיא וואהרע בעמערקונג פון הרב זעלעזניק און מען אפפלאדירט איהם.

הרב גליק פון קאלוואריער שוהל שפרעכט נאכהער. זיין רעדע מאכט א גוטע ווירקונג, און דיא גרייסע שיקאגא'ער אידישע שמחה ווערט דאמיט געענדיגט.

אז עבט אידישער באנקעט. איז פיר דעם רב הכולל און דיא רבנים געגעבען געווען. אין מארימפאלער שוהל. עס האבען געשפראכען מר. עטלסאן און מר. קפלן, פרעזידענט פון דער רוסישער שול. דער הויפט רעדנער וואר דער בעוואוסטער ציוניסט און משכיל ה. הורוויץ. זיין רעדע איז געווען פיל מיט תורה און חכמה.

צום סוף קען איך בעמערקען דאס דער עהרענווירדיגער גאון, וועט אין שיקאגא זיך פערברענגען אין נחת און גדולה. דיא הויפט פון היגע רבנים, וויסען און פערשטעהען וויא איהם צו אכטען און שעטצען. דיא בעגייסטערונג פון היגע אידען איז אויך פערבונדען מיט פראקטישע מיטלען און מעגליכקייטען זיינע אידעען נאכצוקומען.